# **פרשת בהר י"ד – כ' אייר תשע"ו לפ"ק**

***יום ראשון פרשת בהר***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת האלפערט ע"ה (אלמנת הר"ר **יונה האלפערט** ע"ה).

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** אין די פאריגע וואכעדיגע פרשה שטייט, אז א כהן קען זיך מטמא זיין לאמו ולאביו וכו' (ויקרא כא-ב), פארוואס שטייט קודם אמו. זאגט דער **אבן עזרא** ווייל געווענליך לעבן די מענער לענגער ווי די ווייבער, זי גייט אוועק פריער פון די וועלט, וועגן דעם שטייט קודם לאמו און נאכדעם לאביו. און מען פרעגט די קשיא, אז ביי א כהן גדול שטייט קודם אביו און נאכדעם אמו, לאביו ולאמו לא יטמא (שם כא-יא), וואס איז די חילוק פון די צוויי.

**א' מהמנחמים:** אויב ער איז געווארן א כהן גדול, איז א סימן אז זיין טאטע לעבט שוין נישט, און ער האט איבערגענומען די כהונה גדולה פון זיין טאטע.

**רבינו:** עס איז נישט א הכרח.

**א' האבלים:** אין די גמרא (מכות יא:) שטייט, אז די מאמע פונעם כהן גדול איז געווען אין ערי מקלט, אז מען זאל מתפלל זיין אז איר זון דער כהן גדול זאל נישט שטארבען, זעהט מען אז זי האט געהאט אריכת ימים מער פון איר מאן.

**רבינו:** במציאות זעהט מען היינט אנדערש, די פרויען לעבן לענגער. אין תוספות (כתובות פג:) שטייט, אז דאס וואס מען האט אמאל געלעבט וויניגער איז, ווייל זיי זענען מסוכן בלידה. די חלק איז היינט גרינגער ווי עס איז געווען אמאל.

**א' האבלים:** מען זעהט אז פרויען האבן מער כח, זיי דארפן שוין פאסטן פון פריער, פון די צוועלף יאר.

**רבינו:** שכל האבן זיי אויך פריער מיט א יאר. זיי זענען מחויב אין אלע מצות פון די צוועלף יאר.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שלום יוסף לעווינגער** הי"ו (חתן הר"ר **יוסף צבי בלומענפעלד** הי"ו), שהתקיים באולם בית שרה.

אחר הבר מצוה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן ק"ס סעיף ב') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** גמרא (ברכות ג:) פארציילט, אז צופרי זענען אריינגעגאנגען די חכמי ישראל צו דוד המלך, און זיי האבן געזאגט, עמך ישראל צריכין פרנסה. האט ער זיי געזאגט, לכו והתפרנסו זה מזה, מען זאל ארויסגיין און מען זאל זיך מתפרנס זיין איינעם פונעם אנדערן. האט מען אים געזאגט, אין הקומץ משביע את הארי, א ארי דארף אסאך צו עסן, און דאס ביסל וואס מען גיט אים, קען אים נישט משביע זיין. דאס ביסל וואס מען איז זיך מתפרנס צווישן זיך, איז נישט געננג אז עס זאל זעטיגן דאס לייב. האט ער געזאגט, אויב אזוי, לכו פשטו ידיכם בגדוד, מען זאל ארויסגיין פירן מלחמה, און פונעם שלל וועט זיין פרנסה.

**דוד** המלך האט געזאגט, לכו והתפרנסו זה מזה, זייטס ענק מתפרנס איינער פונעם צווייטן, בדרך כלל ווען א מענטש גיט צדקה, דער עשיר גיט צדקה פארן עני, קוקט אויס פארן אויג, ווי דער עני איז זיך מתפרנס פון דעם עושר, דער עושר גיט אוועק זיין געלט פארן עני. מען ווייסט אבער וואס חז"ל (ויק"ר לד-י) זאגן, אז מער פון וואס דער בעל הבית טוט מיטן עני, טוט דער עני צוריק מיטן בעל הבית. דורכדעם וואס א יוד גיט אוועק פאר יענעם, און ער פירט זיך מיט מדת הרחמים צו זיין חבר, טוט דער אייבערשטער מעורר זיין רחמים אויף אים אליין, און דער אייבערשטער האט אויף אים רחמנות. כל המרחם על הבריות, מרחמין עליו מן השמים (שבת קנא:).

**עס** שטייט א ווארט פון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל**, די פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון די מועדים. פאר די תורה רעדט פון די צוויי ימים טובים, ראש השנה און יום כיפור, איז דא א פסוק (ויקרא כג-כב), ובקצרכם את קציר ארצכם, לא תכלה פאת שדך בקצרך, ולקט קצירך לא תלקט, לעני ולגר תעזוב אותם, אני ה' אלקיכם, און נאכדעם קומט די פרשה פון ראש השנה און יום כיפור. דער

פסוק איז שלא על הסדר, ווי קומט אריין די מצוה פון לקט און פאה ווען מען רעדט פון די מועדים.

**האט** ער געזאגט, ווען עס קומט ראש השנה און יום כיפור, און א יוד בעהט פונעם אייבערשטען, אבינו מלכנו כתבנו בספר פרנסה וכלכלה, כתבנו בספר חיים טובים, ער בעהט אז דער אייבערשטער זאל אים געבן וואס ער דארף. ווען ער ענדיגט אלע אבינו מלכנו'ס זאגט ער, אבינו מלכנו חננו ועננו כי אין בנו מעשים, עשה עמנו צדקה וחסד והושיענו. איך האב געבעטן פון דיר אזויפיל זאכן, עס קומט זיך מיר נישט, איך האב גארנישט איינגעצאלט דערפאר, חננו ועננו כי אין בנו מעשים, אבער מיר בעטן צדקה, אזוי ווי ווען א ארימאן קומט און בעהט צדקה, גיט מען אים, אזוי בעטן מיר אויך צדקה פונעם אייבערשטען. זאגט דער רבונו של עולם, דו בעהטסט צדקה, לאמיר זעהן ווי אזוי דו פירסט זיך, וואס איז מיט דיין צדקה, צו העלפסטו פאר א צווייטען מיט וואס דו האסט יא? ווען א מענטש טוט צדקה מיט א צווייטען, איז שפעטער ווען ער בעהט צדקה פונעם אייבערשטען, גיט אים אויך דער אייבערשטער א צדקה. אבער טאמער עס פעהלט אים אין זיין צדקה וואס ער גיט, האט ער נישט א תביעה, אז דער אייבערשטער זאל טון מיט אים צדקה, ווייל ער טוט אויך נישט צדקה. - וועגען דעם האט די תורה אריינגעשטעלט פאר ראש השנה און יום כיפור, די פרשה פון ובקצרכם את קציר ארצכם וגו' לעני ולגר תעזוב אותם, דו זאלסט זיין נזהר צו געבן צדקה פאר א עני און א גר, און דעמאלטס וועסטו האבן א גוטען ראש השנה און יום כיפור. אז אפילו דו וועסט נישט זיין ראוי אז מען זאל דיר געבן וואס דו בעהטס, וועט אבער דער אייבערשטער טון מיט דיר א צדקה.

**וועגן** דעם האט דוד המלך געזאגט, לכו והתפרנסו זה מזה, זייטס ענק מתפרנס איינער פונעם צווייטען. ווייל ווען מען גיט פאר יענעם, איז מען נישט נאר מפרנס יענעם, נאר מיט דעם וואס דו האסט געגעבן פאר יענעם, איז ער דיך צוריק מפרנס. עטץ זענטס ענק מתפרנס זה מזה, איינער פונעם צווייטען. דער עני איז זיך מתפרנס פון דעם וואס דער עשיר גיט אים. און דער עשיר איז זיך מתפרנס פון דעם וואס דער עני האט עס מקבל געווען, ווייל דורך דעם טוט אים דער אייבערשטער צוריק באצאלן.

**עס** שטייט אין **ערוגת הבשם** (פ' מקץ, ופ' תצוה), אז די גמרא (סוכה מט:) זאגט, אין הצדקה משתלמת אלא לפי חסד שבה. זאגט ער זייער א שיינעם געדאנק, ווען א מענטש גיט צדקה א פרוטה פאר יענעם, איז אזוי ווי א מענטש פירט זיך דא אונטען, אזוי איז ער מעורר אויבן אין הימל. באתערותא דלתתא איתער עובדא לעילא (זוה"ק ח"ג לא:), און ער איז ממשיך חסד פאר דעם עני וואס ער האט אים געגעבן די צדקה. ווען ער האט אים געגעבן א פרוטה, האט ער ממשיך געווען מיט דעם יעצט חסד פונעם אייבערשטען, אז דער אייבערשטער זאל אויך רחמנות האבן אויף אים. ווייל וואס מען טוט דא אונטען, איז מען מעורר אויבן. און אז דער אייבערשטער האט רחמנות אויף יענעם, איז דער אייבערשטער יעצט ממציא פאר יענעם פרנסה, אויסער די פרוטה וואס דו האסט אים געגעבן. דער אייבערשטער האט כמה דרכים ווי אזוי ער טוט נאכדעם ממציא זיין פאר דעם עני פרנסה. פון דעם איינעם פרוטה וואס ער האט געגעבן פאר דעם עני, איז נישט נאר אז ער האט געגעבן א פרוטה פאר דעם עני, נאר ער האט ממשיך געווען אויף אים חסד, אז דער אייבערשטער זאל זיך מתחסד זיין מיט אים. און אז דער אייבערשטער איז זיך מתחסד מיט אים, באקומט ער נאכדעם אסאך פרוטות פונעם אייבערשטען.

**זאגט** די גמרא, ווען א מענטש גיט צדקה, באצאלט מען אים, נישט נאר וויפיל צדקה ער האט געגעבן, נאר וויפיל חסד עס איז געווען אין דעם וואס ער האט געגעבן. ווייל מיט דעם חסד האט ער דאך ממשיך געווען פאר אים חסד פונעם אייבערשטען, דער אייבערשטער וועט אים לכבוד דעם משפיע זיין אז ער וועט האבן נאך, און דאס אלעס האסטו געגעבן, ווייל מיט די פרוטה וואס דו האסט געגעבן, האסטו מעורר געווען חסד פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אים געבן מער. 'אין הצדקה משתלמת', מען באצאלט פאר צדקה, נישט נאר פאר די צדקה אליין, 'אלא לפי חסד שיש בה', וויפיל חסד דו האסט געהאט אין די צדקה, אזויפיל טוט דיך דער אייבערשטער

באצאלן. דאס האט דוד המלך געזאגט, לכו והתפרנסו זה מזה, אז אויב אונז וועל מיר מפרנס זיין דעם עני, און דער אייבערשטער וועט אים אויך צוגעבן דעם חסד, וועלן מיר צוריקבאקומען פונעם אייבערשטען אסאך מער.

**האט** מען געענטפערט פאר דוד המלך, דאס איז גוט ווען מען געבט מיטן גאנצן הארץ, מען גיט נישט מיט קיין קמצנות, דעמאלטס איז מען ממשיך חסד פאר יענעם, און מען קען זיך מתפרנס זיין זה מזה. אבער טאמער מען גיט מיט א שווער הארץ, אין 'הקומץ' משביע את הארי, אויב מען גיט עס מיט א געפיל פון קמצנות, קען מען נישט משביע זיין את הארי. האסט אים געגעבן צדקה, אבער האסט אים נישט ממשיך געווען חסד. די חשיבות פון צדקה איז נישט די פאר פרוטות וואס דו האסט אים געגעבן, נאר מיט די פאר פרוטות וואס דו האסט אים געגעבן, ביסטו ממשיך אויף אים חסד, האט ער נאכדעם מער פרנסה. אבער 'אין הקומץ', טאמער עס פעלט פון די חסד, עס איז מיט א קמיצה, דאס קען נישט 'משביע זיין את הארי'. אויב אזוי האט מען נישט קיין ברירה, איז לכו פשטו ידיכם בגדוד, מוז מען זעהן צו פארשאפען פון ערגעץ אנדערש. אבער טאמער א יוד גיט פאר יענעם מיטן גאנצן הארץ, איז ער ממשיך פאר יענעם חסד, און ער איז ממשיך פאר זיך אויך חסד פונעם אייבערשטען.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הדינער לטובת כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום שני פרשת בהר***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **מאיר הערש בערגער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קאסאן. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נכנסו **לרבינו שליט"א** תלמידות יוצאי הבית חינוך לבנות של קהלתנו הק' בוויליאמסבורג, **ורבינו שליט"א** השמיע לפניהם דברי חיזוק והדרכה.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** האט מיר געבעטן אז איך זאל רעדן אפאר ווערטער פאר די מיידלעך וואס זענען ארויסגעגאנגען פון די סקול. עס איז שוין כמעט א יאר וואס מען איז ארויסגעגאנגען פון די סקול. - ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר יודען, האט ער געשיקט משה רבינו אז ער זאל קודם רעדן צו כלל ישראל, צו מען וויל מקבל זיין די תורה. כה תאמר לבית יעקב, ותגיד לבני ישראל (שמות יט-ג). רש"י טייטשט, אז כה תאמר לבית יעקב גייט ארויף אויף די נשים, ותגיד לבני ישראל גייט ארויף אויף די אנשים. דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז ער זאל קודם רעדן צו די בית יעקב, און נאכדעם זאל ער רעדן צו די מענער. עס שטייט אין די מפרשים אז די טעם דערפון איז, ווייל אויפצושטעלן כלל ישראל, דארף מען האבן די יודישע מאמעס, זיי האבן די השפעה פון יודישקייט אויף זייערע שטובער, און אויף די וועלט. און טאמער די מענער וועלן טאקע זיין גרייט אויף קבלת התורה, אבער זיי האבן נישט די ווייבער וואס זאלן צושטיין דערצו, זיי זענען נישט גרייט אויף קבלת התורה, קען מען נישט געבן די תורה פאר יודען. כה תאמר לבית יעקב, קודם דארף מען רעדן צו די בית יעקב, צו זיי זענען גרייט מקבל צו זיין די תורה, און נאכדעם ותגיד לבני ישראל, נאכדעם קען מען רעדן צו יודען.

**עטץ** זענטס די צוקונפט'דיגע יודישע מאמעס פון כלל ישראל. מען האט געלערענט אין סקול די אלע יארן וואס מען איז דארט געווען, כדי מען זאל האבן א שטארקן יסוד, א שטארקע השקפה אין יודישקייט און אין ערליכקייט, אין תורה און מצוות, אין מעשים טובים און צניעות, און אלעס וואס א יודישע מאמע דארף צו וויסן. ווען עס קומט די צייט וואס מען גייט ארויס פון סקול, מיינט דאס נישט אז מען לאזט איבער וואס מען האט

געלערנט אין סקול, נאר לכו בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם (תהלים לד-יב), לכו בנים, ווען מען גייט אוועק, דעמאלטס דארף מען זיך אלעס מיטנעמען, און מען דארף עס אנהייבן צו פראקטיצירן. ווען א דאקטער לערנט זיך דאקטעריי, איז נישט די חכמה אז ער האט זיך אויסגעלערנט די דאקטעריי. נאר ווען ער ווערט א דאקטער, און ער הייבט אן צו פראקטיצירן וואס ער האט געלערנט, דעמאלטס האט ער זיין שלימות. ווען מען גייט ארויס פונעם סקול, און מען הייבט אן צו פראקטיצירן, זיך צו פירן אויף דעם וועג וואס מען האט געהערט אלע יארן ווי אזוי א יודישע טאכטער דארף זיך צו פירן, דאס איז די חשיבות. אבער אז מען לאזט עס איבער צוביסלעך, האט מען נישט אויפגעטון מיט דעם וואס מען האט געלערנט אזויפיל יארן.

**ווען** מען קומט ארויס אויף די גאס, איז דא אן אנדערע וועלט פון וואס מען האט געזען אינעם סקול, און פון וואס מען האט געלערנט אינעם סקול. מען דרייט זיך ארום צווישן עלעמענטן וואס זענען זייער ווייט פון באשיידענהייט, און פון ערליכקייט וואס מיר זענען צוגעוואוינט, און וואס מען האט אונז געלערנט, און פון וואס אונזערע מאמעס זענען געווען. און דעמאלטס דארף זיך ארויסשטעלן די שטארקייט פון זיך קענען האלטן מיט דעם וואס מען איז. אין וואספארא מצב מען איז, און אין וואספארא סביבה מען קומט, זאל מען קענען זיין מיט די זעלבע ערליכקייט.

**דער** אייבערשטער האט אריינגעלייגט אינעם נאטור פון א מענטש, אז ער וויל געפעלן פאר א צווייטען. אבער, **קודם דארף מען געפעלן פארן אייבערשטען, און נאכדעם דארף מען געפעלן פאר א צווייטען.** מען זאגט יעדן טאגביים בענטשען, ונמצא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם, מען בעהט אויף חן אין די אויגן פון מענטשען, אבער קודם דארף זיין ונמצא חן ושכל טוב בעיני 'אלקים', קודם זאל מען האבן חן אין די אויגן פונעם אייבערשטען, מען דארף זיך פירן אזוי ווי דער רבונו של עולם וויל, און נאכדעם טרעפט מען חן אויך בעיני אדם.

**אסאך** מאל איז דא וואס מען הייבט אן נאכצולאזן. און דער סדר פונעם יצר הרע איז, אז ער בעהט נישט קיין גרויסע זאכן, ער הייסט נישט אז מען זאל עובר זיין אויף א מצוה אין די תורה, און אויף א עבירה פון די תורה, ער בעהט נאר א קלייניגקייט. דאס איז נישט אזוי וויכטיג, ווילאנג מען איז געווען אין שטוב איז אנדערש געווען, מען קומט ארויס אויף די גאס איז אנדערש. דאס איז די וועג פונעם יצר הרע, ער הייבט אן מיט א קלייניגקייט, און אז מען האט נאכגעלאזט אביסל, הייבט מען אן נאכצולאזן ווייטער. די חכמה איז, זיך אפצושטעלן ביי די אנהייב, **איך טויש נישט פון וואס עס איז געווען ביי אונזערע עלטערן אין שטוב, פון וואס מען האט מיר געלערנט, איך גיי נישט אוועק דערפון אפילו מיט א קלייניגקייט.** אויב מען הייבט אן נאכצולאזן, ווייסט מען קיינמאל נישט ווי מען ענדיגט.

*

**עטץ** זענט שוין גרעסערע מיידלעך, איך פארשטיי אז מען שטייט שוין אין שידוכים, אדער נאנט צו שידוכים, און מען דארף וויסען די תכלית. מען זאל וויסען, אז עס איז דא ווייניג גוטע בחורים, ווייניג ערליכע בחורים, ווייניג בני תורה. פון אויסענווייניג, אין חיצוניות, קוקט אויס ביי יעדעם זייער שיין, אבער אינווייניג איז נישט דא אזוי סאך. **מען דארף זיך גוט אינטערעסירן, און אויף אלעס מוותר זיין, כדי צו טרעפן א בחור א בן תורה, א וואוילן בחור, און א גוטע שטוב ווי מען קומט אריין.** נישט קוקען אויף געלט, נישט קוקען אויף זייטיגע מעלות וואס איז דא, די גרעסטע מעלה וואס מען קען האבן, **אז מען וויל האבן א גליקלעך לעבן שפעטער, דארף מען האבן אן ערליכען מאן, דעמאלטס שטעלט מען אויף שפעטער א שיינע יודישע שטוב.** און מען דארף אסאך מאל מוותר זיין אפילו אויף זייטיגע זאכן, כדי צוצוקומען צו דעם אמת'דיגען ציל, האבן א חתן א תלמיד חכם, א בן תורה, און אריינקומען אין א גוטע שטוב.

*

**צניעות**, דאס איז די פראכט פון א יודישע טאכטער. מען זעהט אסאך מאל אז ווייבער זענען פארנומען מיט מצות וואס מען האט זיי קיינמאל

נישט געגעבן, וואס זייערע באבעס האבן עס קיינמאל נישט געטון, און דאס איז אלעס מצות וואס איז נישט געגעבן געווארן ספעציעל פאר ווייבער. איין מצוה וואס איז יא געגעבן געווארן ספעציל פאר די נשים, דאס איז צניעות. דאס איז די איינציגסטע מצוה, און דאס לייגט מען אזוי אינדערזייט, און מען זוכט יוצא צו זיין די מינימום וואס מען דארף, און אנדערע מצות זוכט מען זיך. אויב דאס איז אונזער מצוה, דארף מען זיך פארלייגען אויף די מצוה. דאס האט דער אייבערשטער אונז געגעבן, און אין דעם וועל איך זיין אויסגעהאלטן ווי עס דארף צו זיין.

**איך** קום אסאך מאל אויף חתונות, אויף א סידור קידושין. איך זאג עס כדי מען זאל וויסען. און מען האט אן כלה קליידער מיט האלבע ערמל, מיט דריי פערטל ערמל. פארוואס? א גאנצען טאג האט מען געדאווענט, און מען האט מתפלל געווען, מען הייבט אן די ערשטע נאכט ווען איך גיי ווערן א יודישע מאמע פארן כלל ישראל, דעמאלטס דארף מען אנהייבן נאכצולאזן אין צניעות?! פארוואס? די נאכט וואלט געדארפט זיין די שענסטע אין צניעות. וויפיל מען קען, וואלט מען געדארפט נעמען אויף זיך, און נישט אז מען זאל דעמאלטס נאכלאזן. - תיכף נאך די חופה טוט מען זיך אן שייטלען וואס איז אינגאנצן אנדערש פון וואס מען האט געלערנט אין סקול, און פון וואס מען האט זיך געפירט אלע יארן. אלץ מיידעל איז מען געגאנגען מיט צוזאמגענומענע האר, קורצע האר, און מען דארף ווייטער אזוי גיין, און עס איז זייער שיין און ערליך און איידל אזוי צו גיין, און ווען מען ווערט אן אשת איש דעמאלטס איז עס הפקר, און מען קען גיין מיט לאנגע שייטלען?! ווי איז דער שכל דערפון?! מען איז זיך נישט מתבונן, מען טראכט נישט, מען טוט נאך וואס די גוי'שע וועלט טוט. ויגבה לבו בדרכי ה' (דברי הימים ב יז-ו), דאס דארף זיין אונזער שטאלץ, מיר האבן זיך נישט מיט וואס צו שעמען. מיר זענען א הייליג פאלק, און אן איידל פאלק, און אונז דארף מיר בלייבן אלע יארן שפעטער, אזוי ווי מען האט געלערנט אין סקול, מען דארף נישט נאכלאזן אין קיין שום זאך.

*

**עס** קומען אסאך מאל אריין חתנים, און זיי בעטן אז איך זאל רעדן צו זיי אפאר ווערטער פאר די חתונה. און איך זאג אלץ, און איך זאג עס פאר ענק אויך, **אז די יסוד פון א שטוב איז איין זאך, אל תטוש תורת אמך** (משלי א-ח), **נישט איבערלאזן וואס מען האט געזען ביי די מאמע אין שטוב.** מען מעג זיין בעסער, עס שטייט נישט אז אויב די מאמע אדער די טאטע איז נישט געווען גוט, מוז מען נאכגיין אין די טאטעס וועגן. בעסער מעג מען אייביג ווערן, בעסער האט נישט קיין שיעור. אבער מען טאר נישט נאכלאזן פון דעם וואס מען האט געזען ביי די עלטערן אין שטוב, אפילו מיט א קלייניגקייט. **יעדער מנהג וואס איז געווען אינדערהיים, יעדע זאך וואס מען האט געזען אז טאטע און מאמע האבן אזוי געטון, וויל איך אז מיין שטוב זאל אויך אזוי אויסקוקן.** ווען א מענטש נעמט זיך דאס פאר, ער רירט זיך נישט אוועק פון דעם וואס ער האט געזען ביי די עלטערן, האט ער אן ערליכע שטוב, ווייל אונזערע עלטערן זענען געווען ערליך, און זיי האבן געהאט שיינע שטובער. און אז מען רוקט זיך נישט אוועק דערפון בלייבט מען די זעלבע. אבער טאמער מען הייבט אן נאכצולאזן, עס מוז נישט זיין אלעס אזוי ווי די מאמע האט געטון, עס מוז נישט זיין אלעס אזוי ווי דער טאטע האט געטון, און אז עס מוז נישט זיין אלעס, קען מען נאכדעם טון אסאך זאכן און עס מוז נישט זיין וואס די טאטע האט געטון. עס איז א גרויסער יסוד ווען מען שטעלט אויף א יודישע שטוב, נישט אוועקצוגיין פון וואס מען האט געזען ביי די עלטערן. שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, דעמאלטס שטעלט מען אויף אן ערליכע יודישע שטוב.

*

**איך** האב הנאה אז מען איז זיך צוזאמגעקומען אינאיינעם, די חשובע פרינציפל האט ענק אינזין אפילו נאכדעם וואס מען איז ארויסגעגאנגען פון סקול, אז מען זאל זיך ווייטער צוזאם האלטן, און זיך מחזק זיין. **עס איז היינט א שווערע וועלט אינדרויסן, עס איז דא היינט די טעכנאלאגישע כלים, די סמארטפאון'ס מיט די אלע זאכן, יעדער ווייסט אז עס איז נישט גוט פאר קיינעם. וויפיל**

**שטובער זענען שוין צובראכן געווארן וועגן דעם, מען האט גראופ"ס מיט שוואכע חבר'טעס, צו אסאך מאל מיט פרעמדע חבר'טעס, וואס זייער השקפה איז אנדערש, און וואס זיי שרייבן אויפן טעקס"ט איז אסאך מאל נישט אויסגעהאלטן, אמאל איז עס א דשא"ק, אמאל איז עס א געלעכטער, און אזוי טוט מען אפחוזק'ן פון גאנץ יודישקייט, און אזוי פארלירט מען זיך נאכדעם. מען דארף וויסען זיך צו היטן, מען דארף האבן נאר גוטע חבר'טעס.** איך זאג אלץ, ווען מען קלויבט זיך א חבר'טע, זאל מען זיך קלויבן א בעסערע חבר'טע פון זיך אליין, נישט א חבר'טע וואס איז שוואכער פון מיר. ווייל פון א בעסערע וועט מען זיך לערנען צו זיין בעסער, אבער פון א שוואכערע ווייסט מען נישט צו די שוואכערע וועט מיטקומען מיט דיר, צו איך וועל נאכגיין ווי די שוואכע חבר'טע איז.

**עס** שטייט פונעם **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע,** אז מען זאגט יעדן טאג ביים דאווענען נאך די ברכת השחר צוויי יהי רצון'ס, איינס נאכן אנדערן. און אין יעדע יהי רצון שטייט א אנדערע תפלה, וואס מען בעהט אין איינעם, בעהט מען נישט אינעם צווייטען, ווען עטץ וועטס נאכקוקען וועט איר זעהן, אז איין זאך איז דא וואס ווערט דערמאנט צוויי מאל, סיי אין די ערשטע יהי רצון און סיי אין די צווייטע יהי רצון, אז דער אייבערשטער זאל מיך מציל זיין פון א חבר רע, פון א שלעכטע חברותא. דאס בעהט מען איינמאל און נאכאמאל. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, ווייל אויף דעם דארף מען אסאך בעטן, עס איז נישט גענוג אז מען האט עס געבעטן איין מאל. אז מען האט א גוטע חברותא ווי מען האלט זיך צוזאמען, די פרענד"ס זענען צוזאמען, און ערליך, עס קומט שבתים, עס קומט זומער, מען זוכט זיך נישט צו חבר'ן מיט פרעמדע, מען זוכט זיך צו חבר'ן מיט אייגענע אין א גוטע סביבה, איז מען מצליח.

*

**מען** זאל וויסען אז **עס איז נישטא קיין שענערס אויף די וועלט, און א גליקליכערס אויף די וועלט, ווי א ערליכע יודישע מאמע.** ווען מען האט שיינע שטובער, איז מען אליין גליקלעך, עס איז נישט דא קיין שום גוי וואס קען זיין אזוי גליקלעך. ווי אזוי עס קוקט אויס א שבת אין א שיינע יודישע שטוב, ווען מען פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין. און דאס זאל מען האלטן פאר די אויגן, זיך נישט אוועקריקן פון וואס מען האט געזען ביי די עלטערן. איך וויל נאכגיין און אויפשטעלן אזא שטוב אזוי ווי אונזערע עלטערן האבן אויפגעשטעלט, עס זאל פאסן פאר אונזערע זיידעס און פאר אונזערע באבעס. זיך נישט אוועקריקן פון וואס מיר האבן געזען ביי אונזערע עלטערן.

**טאמער** מאכט זיך עפעס, און מען דארף האבן א זאך, מיין טעלעפאן איז אפען, מען קען רופן די רעבעצין, און מען קען מיך רופן. טאמער דארף מען הדרכה, צו עס פעלט עפעס אויס וואס מען דארף צו וויסען, דארף מען זיך נישט שעמען, און מען קען אויפהייבן א טעלעפאן, און מען מוז אפילו נישט זאגן א נאמען ווער עס איז, און איך וועל פראבירן צו העלפן פאר יעדען איינעם מיט וואס מען דארף צו האבן.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל מצליח זיין, אזוי שטייט אין חז"ל (שבת קד.), הבא ליטהר, אז א מענטש קומט זיך מטהר זיין, מסייעין אותו. ווען מיר טוען אביסל, טוט דער אייבערשטער אסאך. מען פארלאנגט אבער פון אונז דאס ביסל. ווען מיר וועלן טון וואס מיר קענען טון, וועט דער אייבערשטער געבן סייעתא דשמיא, אז מען וועט מצליח זיין, און אויפשטעלן שיינע יודישע שטובער. דער באשעפער זאל צושיקן פאר ענק אלע א זיווג הגון אי"ה בקרוב, און ענקערע עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת, און קענען אינאיינעם מקבל זיין פני משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מרדכי אדלער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדיים, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** תורה הק' הייבט אן די וואך, וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמור (ויקרא כה-א). און רש"י שטעלט זיך, מה ענין שמיטה אצל הר סיני. זאגט רש"י, אזוי

ווי שמיטה איז געגעבן געווארן כללותיה ופרטותיה מסיני, אזוי איז כל התורה כולה אזוי ווי שמיטה. עס איז דא א שיין ווארט פונעם **חתם סופר** (בפרשתנו סז:). דער הייליגער **חתם סופר** זאגט, מיר אלע גלייבן אז תורה איז מן השמים. עס איז איינע פון די י"ג עקרים, א יוד דארף גלייבן שכל התורה המצויה עתה בידינו היא הנתונה ממשה רבינו מפי הגבורה, אז די תורה וואס מיר האבן, האט משה רבינו מקבל געווען פונעם אייבערשטען אין הימל. עס איז אבער דא נישט נאר א אמונה דערין, נאר עס איז דא א הוכחה אז די תורה איז מן השמים. די מצוה פון שמיטה איז א הוכחה, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה.

**די** פסוק (שם כה-כ) זאגט ביי שמיטה, וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית, הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו, די זיבעטע יאר האט מען נישט איינגעזייט, און מען האט נישט גענומען קיין תבואה, פון ווי וועט זיין פרנסה. זאגט דער אייבערשטער, וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית, ועשת את התבואה לשלש השנים, דער אייבערשטער וועט אריינשיקן א ברכה אין די זעקסטע יאר, אז עס וועט זיין תבואה אויף דריי יאר. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אזא הבטחה קען נישט זאגן נאר דער אייבערשטער אליין. עס איז נישט מעגליך אז א בשר ודם זאל קענען זאגן אזא הבטחה, אז אלע יארן וואקסט כך וכך, און די זעקסטע יאר וועט וואקסען, אז עס וועט זיין גענוג אויף דריי יאר. נאר דער רבונו של עולם וואס האט באשאפן די וועלט, און ער פירט די וועלט, ער קען געבן אזא הבטחה. אפילו מען וועט זיך דינגען צו די מצות התורה זענען געגעבן געווארן פונעם אייבערשטען צו נישט, אבער יעדער וועט מודה זיין, אז מצות שמיטה איז מן השמים.

**האט** די תורה מסמיך געווען מצות שמיטה נעבן הר סיני, מה שמיטה איז דאך יעדער מודה אז כללותיה ופרטותיה, אלע כללים און פרטים וואס איז דא אין שמיטה איז נאמרה מסיני, ווייל טאמער מען איז נישט מקיים מצות שמיטה אין איין פרט, דעמאלטס איז נישט דא די ברכה, נאר ווען מען וועט מקיים זיין מצות שמיטה מיט אלע פרטים, דעמאלטס וועט זיין א ברכה. זעהט מען דאך ביי מצות שמיטה אז עס איז מן השמים, די זעלבע איז אויך די מצות פון די תורה, אז אלעס איז מן השמים.

**מען** קען צוגעבן דערצו, אז עס איז דא נאך א ענין ביי שמיטה, וואס איז נוגע צו די גאנצע תורה. עס איז נישט דא נאך א מצוה אין די תורה וואס קאסט אזויפיל געלט פאר א יוד, ווי די מצוה פון שמיטה. זיין פרנסה פון א גאנץ יאר איז תלוי אין זיין פעלד, און אז ער האט די יאר נישט געארבעט די פעלד ארבעט, איז נישט געווען פרנסה אויף א גאנץ יאר. עס איז נישט נאר אז עס פעלט פרנסה, נאר אן פרנסה קען מען נישט לעבן. קומט דאך אויס, אז די מצוה פון שמיטה איז לפי ראות העין א שאדן פאר א מענטש פאר א גאנץ יאר, און עס נעמט אוועק די מעגליכקייט אז מען זאל קענען ווייטער לעבן. אבער דער אייבערשטער זאגט נישט אזוי, נאר טאמער דו וועסט מקיים זיין די מצוה פון שמיטה, איז נישט נאר אז די יאר פון שמיטה וועט נישט זיין ביי דיר א פארלוסט, נאר וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית, ועשת את התבואה לשלש השנים, מען וועט דיר באצאלן, אז נישט נאר דו וועסט האבן וויפיל מען דארף האבן אין א געווענליכע יאר, נאר דער פעלד וועט ארויסגעבן פירות פאר דריי יאר.

**זעהט** מען, אז ווען מען איז מקיים די מצות פונעם אייבערשטען, איז דא א ברכה. נישט נאר ביי א זאך וואס מען זעהט נישט די שאדן, נאר אפילו ווען די שאדן איז אפען, עס איז נגלה לעין כל, מען גייט א גאנץ יאר נישט ארבעטן, און מען זעהט פאר די אויגן אז עס וועט נישט זיין וואס צו עסן, מיט דעם אלעם, גיט דער אייבערשטער א ברכה די זעקסטע יאר. זעהט מען פון דעם, אז א יוד האט נישט קיין שאדן פון דעם וואס ער האלט די מצות פון די תורה. און אפילו ווען עס קוקט אויס ווי עס איז א הפסד, איז עס נאר לפי ראות העין, אבער באמת ליגט דערין א ברכה.

**האט** דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון שמיטה, און ער האט עס מסמיך געווען צו הר סיני, צו אלע מצות פון די תורה, אז מען זאל זיך אראפלערנען א מוסר השכל פון די מצוה פון

שמיטה, אז אלע מצות פון די תורה איז אויך אזוי, ווען א מענטש דארף מקיים זיין א מצוה אין די תורה, און עס קוקט אים אויס אז דורך דעם וועט ער האבן שאדן, זאל ער זיך אראפלערנען פון די מצוה פון שמיטה, אז פון א מצוה אין די תורה האט מען נישט קיין שאדן.

**דער** בר מצוה בחור גייט אריין לעול התורה, עס איז נישט אזוי גרינג צו שטייגען אין תורה, און אויסצוואקסען א תלמיד חכם, אבער ווען א יוד טוט וואס ער דארף צו טון, איז נישט נאר אז ער פארלירט נישט, נאר דארט ליגט די ברכה. כי שם צוה ה' את הברכה, ווען א יוד טוט וואס דער רצון פונעם אייבערשטען איז, דארט איז דא די ברכה.

*

***יום שלישי פרשת בהר***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **מרדכי אדלער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

*

***יום רביעי פרשת בהר***

אחר שחרית נסע **רבינו שליט"א** ליוניאן סיטי, והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **מענדל שליסל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הלויה של הרה"ח רבי **דוד אלחנן האפפמאנן** ע"ה, ונשא דברי הספד.

***וזה תוכן ההספד:***

**די** וואך אין די פרשה איז דא די מצוה פון שמיטה, די תורה הייבט אן, וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמור וגו', כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם, ושבתה הארץ שבת לה' (ויקרא כה-א), ווען עס קומט די יאר פון שמיטה, האט די ערד געדארפט רוען א שבת פארן אייבערשטען. און רש"י גיט צו, כשם שנאמר בשבת בראשית, אזוי ווי עס שטייט ביי שבת בראשית אז מען דארף רוען, אזוי איז אויך די מצוה פון שמיטה.

**עס** קען אפשר זיין א כוונה דערין. מען איז זיך צוזאמגעקומען צו די לויה פון א אדם יקר מאוד, א איש מורם מעם, ער איז געשטאנען העכער פון פשוטע בעלי בתים, מיט אסאך און אסאך מדריגות. ער איז געווען א מוסטער פאר א יוד ווי אזוי ער דארף זיך אויפצופירן. ער האט מקיים געווען דעם ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה), ווי די גמרא (יומא פו.) זאגט, שיהא שם שמים מתאהב על ידך. די מצוה פון אהבת ה' איז, אז עס זאל באליבט ווערן דעם אייבערשטען'ס נאמען אויף מענטשען דורך זיין הנהגה. שיהא משאו ומתנו באמונה, ודיבורו בנחת עם הבריות, מה הבריות אומרות עליו, וואס זאגן מענטשען אויף אזא יוד, אשרי אביו שלמדו תורה, אשרי רבו שלמדו תורה, גליקליך זענען די עלטערן, גליקליך זענען זיינע רבי'ס וואס האבן אים אהערגעשטעלט אויף דעם וועג. - זיין התמדת התורה. ער האט עוסק געווען אין פרנסה, און ער האט נישט פארפעלט א פארטאגס אין בית המדרש. זיין דאווענען איז געווען מלה במלה, מיט א השתפכות הנפש. מיט זיינע מדות טובות, וואס ער איז געווען שטענדיג א עוסק בצרכי צבור באמונה, ער האט געהאט צו טון מיט אזויפיל מענטשען, און קיינער האט נישט געהאט קיין תרעומות, צו קענען זאגן א שלעכטווארט, ער האט פראבירט יעדן איינעם צופרידן צו שטעלן. ער איז געווען א מוסטער ווי אזוי א יוד דארף זיך צו פירן, און ווי אזוי מען דארף אויסצוזעהן.

**א** מענטש גייט אדורך אין זיין לעבן אויף די וועלט זייער אסאך, זה בכה וזה בכה. מען דארף אבער וויסען, אז דער תכלית פונעם לעבן איז נישט די יארן וואס מען געפונט זיך דא אויף דעם עולם. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), א מענטש דארף זיך צוגרייטן דא אויף די וועלט, כדי ער זאל האבן מיט וואס אהיימצוגיין. יעצט קומט דער עיקר לעבן פון א מענטש, חיי

עולם הבא, וואס איז א חיים נצחיים, אויף שטענדיג. דאס לעבן פון די וועלט איז פארגענגליך, אבער דאס לעבן פון יענע וועלט איז א אנדערע סארט לעבן, א לעבן פון חיי נצחיים, פון חיי עולם הבא. ווען עס קומט דער שבת לה', דער עולם שכולו שבת, ווער עס האט זיך איינגעקויפט אויף די וועלט, דער האט וואס מיטצונעמען, מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת (ע"ז ג.).

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון שבת, אז דער טאג פון שבת זאל זיין קודש לה', הייליג פארן אייבערשטען. איין טאג אין די וואך טאר מען נישט טון א מלאכה, מען טאר נישט זיין פארנומען מיט די ארבעט, שיהא כל מלאכתך עשויה. אויסער דעם וואס דער שבת איז א אמונה אין בריאת שמים וארץ, האט עס א תועלת, א מענטש וואס לעבט אויף די וועלט, איז דאך פארנומען מיט טירדות און מיט זיין פרנסה, עניני עולם הזה. איין טאג אין די וואך זאל ער זיך אפשטעלן, און נישט טון קיין ארבעט, האבן צייט צו טראכטען וואס איז זיין תכלית אויף די וועלט, מה חובתו בעולמו, טוט ער אויף וואס ער דארף אויפצוטון, פירט ער זיך ווי עס דארף צו זיין, וואס קען ער משנה זיין. דער אייבערשטער האט געגעבן יעדע וואך, אז מען זאל האבן א שבת, כדי מען זאל זיך אפשטעלן און טראכטען אויפן תכלית פון עולם הבא.

**דער** אייבערשטער האט אונז צוגעגעבן שפעטער נאך א זמן, אז איינמאל אין זיבן יאר זאל ער נעמען איין גאנצע יאר, און זיך אפלאזן פון די ארבעט. ווען א מענטש זיצט א גאנץ יאר אן ארבעט, ער זיצט אין בית המדרש פון צופרי ביז ביינאכט, ער האט דאך נישט וואס צו טון. אמאל איז די פרנסה געווען פון ערד ארבעט, האט ער געהאט צייט א גאנצע יאר וואס ער זאל זיך קענען מקדש זיין, אז די קומענדיגע יארן וואס דארפן נאכקומען נאך די שמיטה, זאל ער וויסען ווי אזוי ער דארף צו לעבן, אז מען נעמט זיך גארנישט מיט, אלעס לאזט מען דא אויף די וועלט. אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד (אבות ו-ט), דאס איז די איינציגסטע זאך וואס מען נעמט זיך מיט שפעטער. מען האט געהאט צייט א גאנץ יאר צו טראכטען פון זיין תכלית אויף די וועלט. וואס דער תכלית איז דאך, אז מען זאל קענען צוקומען צום שבת לה', לעולם שכולו שבת. וואס דאס איז די צייט ווען מען לאזט אפ הבלי עולם הזה, און מען איז זוכה נהנה צו זיין פונעם זיו השכינה.

**האט** די תורה אונז געגעבן די מצוה פון שמיטה, די זיבעטע יאר זאל מען איבערלאזן די ארבעט, 'ושבתה הארץ שבת לה', דעם יאר זאל זיין שבת לה', מען זאל טראכטען פונעם שבת וואס איז דער שבת לה', פון דעם שבת וואס איז אין עולם הבא. 'כשם שנאמר בשבת בראשית', פונקט ווי מען האט אונז געגעבן שבת בראשית, זיך אפצושטעלן איינמאל אין די וואך, אזוי האט מען אונז געגעבן נאכדעם א גאנץ יאר, אז מען זאל זיך אפשטעלן און טראכטען פון עבודת ה'.

**דער** זיידע, דער **שימלויא'ער רב זי"ע** (בספרו **אבני המקום**, אבן אפל אות קנ"ה), טייטשט, די וואך אין די פרשה שטייט אין פסוק (כה-לא), ובתי החצרים אשר אין להם חומה סביב, על שדה הארץ יחשב, גאולה תהיה לו. די וועלט איז בתי חצרים, עס איז א חצר, א פרוזדור לפני הטרקלין. אויף די וועלט דארף מען האבן חומות, חומה דאס איז די תורה הק'. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א יצר הרע, און די תורה איז א חומה אקעגן דעם יצר הרע, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). די גמרא (ברכות ה.) זאגט, לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, נצחו מוטב, טאמער עס נוצט נישט, יעסוק תורה, מיט תורה האט ער א חומה. אמאל איז דא וואס די חומה נוצט אויך נישט, מען זיצט און מען לערנט, און פון דעסטוועגן דאך מאכט עס נישט דעם ריכטיגען רושם, זאגט די גמרא, ואם לאו, יזכיר לו יום המיתה. ווען א מענטש דערמאנט זיך אינעם יום המיתה, עס ליגט פאר זיינע אויגען אז מען לאזט אלעס איבער דא. מען קען זיין א עושר, מען קען זיין פארטון מיט אסאך פארמעגן, ווען עס קומט דער טאג, האט זיך אלעס אפגעשטעלט, מען נעמט זיך נאר מיט דאס וואס מען האט געטון גוטס מיט זיין פארמעגן, דאס וואס ער האט אויסגענוצט די צייט פאר עבודת ה'.

**זאגט** די תורה הק', 'ובתי החצרים', די וואס לעבן דא אין עולם הזה, 'אשר אין להם חומה', וואס די תורה איז נישט גענוג פאר זיי פאר א חומה, אז זיי זאלן זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע, 'על שדה הארץ יחשב', ווען זיי וועלן טראכטען פונעם שדה הארץ, זיי וועלן האבן א מחשבה, ווי אזוי עס קוקט אויס ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, ווען מען לייגט איינעם צוריק אריין אינעם שדה הארץ, ווען ער וועט טראכטען פון דעם שדה הארץ, 'גאולה תהיה לו', דעמאלטס וועט ער קענען צוקומען, און ער וועט ווערן אויסגעלייזט פון דעם וואס דער יצר הרע נעמט ארום דעם מענטש.

**דער** חשוב'ער נפטר, האט שטענדיג געהאט פאר זיך דעם שדה הארץ, ער האט נאר געזוכט וואס ער קען אויפטון אויף די וועלט, וואס ער קען מרחיב זיין די גבולי הקדושה. עס איז באמת א מוסטער ארויסצוברענגען, ער האט געוואוינט א שטיק צייט נאך די חתונה אין בארא פארק, און ער האט איבערגעלאזט בארא פארק, און ער איז אהער געקומען וואוינען קיין וויליאמסבורג, ווייל ער האט געוואלט זיין נאנט צו זיינע רבי'ס. איבערגעלאזט די עלטערן פון ביידע זייטן, טאטע און מאמע, שווער און שוויגער, וואס האבן געוואוינט דארט, און ער האט זיך אריבערגעצויגען אהער, ווייל ער האט געוואלט אויפשטעלן א ערליכע יודישע שטוב. והיינו דאהני ליה, דער אייבערשטער האט אים געגעבן דעם זכות, אז ער האט אויפגעשטעלט שיינע שטובער, קינדער און אייניקלעך יראים ושלמים, איינס ביי איינס. עס איז געווען א געוואלדיגע מסירת נפש צו טון אזא שריט, איבערלאזן אלעס, ווייל ער האט געוואלט האבן א ערליכע יודישע שטוב, מיט א ערליכען חינוך.

**די** לעצטערע צייטן איז ער נישט געזונט געווען, איז די גאנצע ווייטאג געווען, נישט זיין אייגענע יסורים, נישט זיין אייגענע צער, נאר אז ער קען נישט לערנען אזוי ווי ער פלעגט צו לערנען, און ער קען נישט דאווענען אזוי ווי ער פלעגט צו דאווענען. און אין אזעלכע געלעגנהייטן, ווען ער האט נאר געהאט א מעגליכקייט צו קומען שוואכערהייט אין שול אריין, איז ער געקומען.

**מען** דארף ארויסברענגען עקסטער זיין עסקנות פארן ציבור, די געוואלדיגע זכותים פונעם תלמוד תורה, און פונעם קעמפ, וואס ער האט אזויפיל שעות און טעג אוועקגעגעבן דערפאר, אז קינדער זאלן נתחנך ווערן על דרכי התורה. יעצט קומט די צייט וואס מען נעמט די אלע זאכן מיט, צדק לפניו יהלך, ווען מען באגלייט דעם מענטש, און מען נעמט נישט מיט, אלא תורה ומעשים טובים 'בלבד', אמת'דיגע תורה און אמת'דיגע מעשים טובים וואס מען האט געטון, תורה ומעשים טובים 'בלבד', מיט ערליכקייט אן פניות, נאר די תורה און מעשים טובים אליין, דאס נעמט מען זיך מיט.

**זאל** דער אייבערשטער געבן אז ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, ער זאל זיין א שליח פונעם גאנצן ציבור מעורר רחמים צו זיין אויבן פארן גאנצן כלל ישראל, פאר זיין אלמנה וואס האט זיך אזויפיל אפגעגעבן מיט די שטוב, פאר די קינדער וואס זענען געשטאנען אזוי געטריי, און פאר אלע גוטע פריינט וואס ער לאזט איבער דא אויף דעם עולם, זאל ער זיין א מליץ יושר. דער אייבערשטער זאל געבן אז עס זאל שוין זיין די גאולה וואס דארף צו קומען, און וואס מירווארטן אזוי דערויף.

**מען** שטייט פאר ל"ג בעומר, וואס יארן לאנג איז ער אין די צייט נישט געווען דאהי, נאר ער איז געווען ביי רבי שמעון אין מירון. ער איז געפארן יעדעס יאר, און זיך מתאבק געווען בעפר רגליו פון דעם הייליגן רבי שמעון. רבי שמעון האט געזאגט, יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין (סוכה מה:), איז דאך א כל שכן אז פאר די וואס פלעגן זיך מתאבק זיין בעפר רגליו, וואס ער האט נישט פארפעלט די לעצטערע יארן דארט אטייל צונעמען, וועט אוודאי די זכות פון רבי שמעון מגין זיין אויף אים, און אויף אונז אלע. אונז זאל מיר זוכה זיין אז עס זאל מקוים ווערן דער פסוק (ישעיה כה-ח) ובלע המות לנצח, ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך

התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **יוסף באנדא** הי"ו (נכד הר"ר **עקיבא באנדא** הי"ו), שהתקיים באולם ראוז קעסטל, ונשא מדברותיו.

*

***יום חמישי פרשת בהר – ל"ג בעומר***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו, ושל בן הר"ר **אשר איידליס** הי"ו.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **דוד אלחנן האפפמאנן** ע"ה. בין המנחמים היה הרב **שבתי ליפשיץ** שליט"א בעמח"ס נחלת דבש.

***וזה תוכן השיחה:***

**הרב שבתי:** אין ירושלמי (ירושלמי קידושין א-ז) שטייט, אז רבי שמעון בן יוחאי האט אויך געהאט א טאכטער. ווייל דער ירושלמי זאגט, רב יודן בר ברתיה דרבי שמעון בן יוחאי, ממילא האט ער געהאט א טאכטער. אבער אין פסיקתא איז די גירסא בר אחתיה. עס איז א נפקא מינה צו רבי שמעון האט געהאט קינדער אויסער זיין זון רבי אלעזר.

**רבינו:** איך האב געזען די וואך א דבר פלא פונעם **חידושי הרי"מ** (בספרו **ספר הזכות**, בענין תיקוני זוהר), אז רבי יהודא, מיט רבי יוסי, און רבי שמעון, וואס זענען געזעסן צוזאמען און גערעדט וועגן די רומיים (שבת לג:), זענען געווען די נשמות פון די דריי שבטי י-ה. רבי יהודא איז געווען יהודא, רבי שמעון איז געווען שמעון, און רבי יוסי איז געווען יוסף. יהודא שעילה יתעלה, יהודא וואס האט זיך דעמאלטס אנגענומען פאר יוסף, איז נתעלה געווארן. שמעון שגינה, ער האט מגנה געווען דעמאלטס יוסף, יהרג. און רבי יוסי איז געווען יוסף אליין.

**הרב שבתי:** זיי זענען געווען פון די פינף תלמידים פון רבי עקיבא, וואס האט נאכדעם אויפגעבויט די תורה. די גמרא (יבמות סב:) זאגט, והיה העולם שמם עד שבא רבי עקיבא, און רש"י טייטשט, שנשתכחה התורה, די תורה איז פארגעסן געווארן. די גאנצע תורה קומט פון רבי עקיבא וואס ער האט אויפגעבויט די גאנצע תורה. עס שטייט אין **מגלה עמוקות** (פ' ואתחנן אות ע"ב) אז רבי עקיבא איז דער שורש פון תורה שבעל פה.

**רבינו:** כולהו סתימתאה אליבא דרבי עקיבא (סנהדרין פו.).

**הרב שבתי:** דער רמב"ם שרייבט (בהקדמתו ליד החזקה), אז רבי עקיבא איז געווען א בן גרים. רבי עקיבא בן יוסף, און יוסף גר צדק היה, און עס איז נישט דא קיין גרעסער'ס פון רבי עקיבא. ביי משה רבינו שטייט (דברים לד-י) ולא קם נביא עוד בישראל כמשה, זאגט דער **רמ"ע מפאנו**, נביא לא קם, אבל חכם קם, ומנו רבי עקיבא. רבי עקיבא איז געווען גרעסער אין א בחינה פון משה רבינו.

**רבינו:** דברים שלא נתגלו למשה נתגלו לרבי עקיבא (במדב"ר יט-ו).

**הרב שבתי:** די גמרא (חגיגה יד:) דערציילט, אז רבי עקיבא איז געווען פון די ארבעה שנכנסו לפרדס, וביקשו מלאכי השרת לדחפו, האט דער רבונו של עולם געזאגט, לאזט אים, שראוי להשתמש בכבודי. רש"י (שם) זאגט, אז ער איז עלה לרקיע על ידי שם.

**רבינו:** די אלע וואס זענען נכנסו לפרדס האבן דאס געקענט.

**הרב משה יעקב פישער:** **רבי שלמה'קע זוועהיל'ער** האט געזאגט, אז רבי עקיבא זאגט, מה מקוה מטהר את הטמאים, אף הקב"ה מטהר את ישראל (יומא פה:). האט ער געזאגט, 'מה מקוה מטהר את הטמאים', ווען מען גייט אריין אין מקוה, מאכט מען צו די אויגן מיט די מויל. 'אף הקב"ה מטהר את ישראל', ווי אזוי, אויב דו טוסט אזוי ווי ווען מען גייט אריין אין מקוה, דו מאכסט צו די אויגן מיט די מויל, דעמאלטס איז הקב"ה מטהר את ישראל.

**הרב שבתי:** עס איז דא א מימרא פון רבי שמעון (ירושלמי ברכות א-ב), אז ווען ער וואלט געווען ביי קבלת התורה, וואלט ער געבעטן אז דער באשעפער זאל מאכן צוויי מיילער, איינס צו לערנען און איינס צו רעדן. נאכדעם האט ער געזאגט, אז מה דאך מיט איין מויל רעדט מען אזויפיל זאכן וואס מען דארף נישט, כל שכן מיט צוויי מיילער.

**רבינו:** רבי שמעון האט געזאגט פאר די מוטער וואס האט גערעדט אסאך אין שבת, אימא שבתא הוא, ושתקה (ויק"ר לד-טז, הובא בתוספות שבת קיג:).

**הר"ר אברהם יהודא:** איך האב א טעיפ פונעם רב ז"ל, ווען ער האט גערעדט פאר די פרינציפל'ס פון די מיידל סקול, רעדט ער וועגן שבת, און וועגן כיבוד אב ואם. זאגט ער דארט, אז רבי שמעון האט נישט געזאגט מען טאר נישט רעדן היינט, נאר ער האט געזאגט, מאמע, עס איז שבת.

מיין טאטע ז"ל פלעגט יעדן ערב יום טוב פארן צו די עלטערן זאגן גוט יום טוב. און ביי מיין זיידע איז געווען איינגעפירט, אז ביי יעדע געלעגענהייט האט ער געבענטשט די קינדער, ווען מען האט זיך געטראפן ערב שבת אדער ערב יום טוב, האט ער געבענטשט לכבוד שבת. פאר מען איז געפארן אין קעמפ, אדער אויף א לאנגע וועג, האט ער געבענטשט.

**הרב שבתי:** דער מגן אברהם (או"ח סימן רע"ד) ברענגט צו פונעם **אר"י הק'** לנשק ידי אמו פרייטאג צו נאכטס. אין **אר"י הק'** אליין שטייט ידי 'אביו ואמו'. דער **מנחת אלעזר** פלעגט אריינגיין צו די מאמע יעדע פרייטאג צו נאכטס זאגן גוט שבת, און געבן א קוש אויף די הענט פארן גאנצן עולם.

*

**רבינו:** עטס האטס געהאט א חשוב'ן טאטע'ן.

**הר"ר אברהם יהודא:** די טאטע שרייבט אין די צוואה אז איך וויל בעטן אז מען זאל לערנען משניות לטובת נשמתי, איך וויל אבער נישט מטיל עול זיין אויף ענק, ממילא בעהט איך ענק לערנטס משניות מסכת אבות, און עס זאל זיין שגורה בפיכם. און אז איר וועט עס חזר'ן, וועט איר זיך אויך קענען אויפירן מיט גוטע מדות, און דאס וועט זיין א נחת רוח.

**הרב שבתי:** אסאך האבן געהאלטן אז מסכת אבות מעגן די נשים אויך לערנען.

מעשה 'אבות' סימן לבנים (עיין סוטה לד.).

**רבינו:** מען שטעלט זיך, פארוואס די מסכת הייסט אבות. יעצט איז שוין דא נאך א טעם פארוואס עס הייסט אבות, די טאטע זאל איבערגעבן פאר די קינדער צו לערנען די מסכת.

**א' מהמנחמים:** אבות איז די ראשי תיבות ת'ורה ו'גדולה ב'מקום א'חד (גיטין נט.).

בשעות הצהרים הגיע תלמידי המוסד העס"ק לקבל ברכת הקודש מאת **רבינו שליט"א**.

בשעות הערב ערך **רבינו שליט"א** סעודת ל"ג בעומר בבית מדרשינו בוויליאמסבורג. **רבינו שליט"א** שר הזמר בר יוחאי והזמר ואמרתם כה לחי, שרו אמר רבי עקיבא, אחר כך דרש **רבינו שליט"א** לכבוד היום. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא (מאנסי).

*

***יום שישי פרשת בהר***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת **הערצאג** ע"ה (אלמנת הר"ר **מנחם הערצאג** הי"ו).

*מתוך השיחה:*

**א' האבלים:** איך האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז **רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ"ל**, איז געווען רב אין גאלאנטא פאר ער איז געווען רב אין חוסט. ער איז געווען ניין און צוואנציג יאר אלט, ווען ער איז געווארן רב. און עס האט געוואוינט דארט אין גאלאנטא א יוד א מחלל שבת, און ער האט געהערט אז הרב דושינסקיא איז א שטרענגער רב, האט ער שבת נאכמיטאג ווען הרב דושינסקיא האט געדארפט זאגן די ערשטע דרשה, די אויפנאמס דרשה, האט ער גענומען א הונט, און אריינגעלייגט אין א שק, און ער האט אויפגעשריבן אויף דעם מיט רויטע אותיות הרב דושינסקיא, ווייל הרב דושינסקיא איז געווען א רויטער, און ער האט אריינגעלאזט דעם הונט אין בית המדרש דעמאלטס ווען הרב דושינסקיא האט געדארפט זאגן די דרשה. פארשטייט זיך אז עס איז געווארן א בהלה, און ביז מען האט אלעס מסדר געווען, האט געדויערט א דריי פערטל שעה, ביז עס איז געווארן שטיל. און דעמאלטס איז הרב דושינסקיא אריינגעקומען אין בית המדרש, און ער האט געזאגט די דרשה.

נאכן דרשה פרעגט אים דער ראש הקהל, ממה נפשך, האט דער רב געוואוסט וואס עס האט פאסירט, פארוואס האט ער גארנישט רעאגירט. טאמער האט דער רב נישט געוואוסט, פארוואס איז ער געקומען אזוי שפעט. האט ער געזאגט אזוי, איך האב גארנישט געוואוסט, נאר לבי אמר

לי אז איך זאל נישט קומען ביז דעמאלטס. יעצט לאמיר הערן וואס עס איז געווען. האט דער ראש הקהל פארציילט וואס עס האט פאסירט. האט הרב דושינסקיא געזאגט אויף יענעם, אז ער זאל בילן ווי א הונט. און דער מענטש האט מער נישט געקענט רעדן, מען האט נישט פארשטאנען וואס ער רעדט. און די ווייב און קינדער זענען געקומען בעטן מחילה, האט הרב דושינסקיא געזאגט, איך בין מוחל מיין כבוד, אבער די כבוד התורה האב איך נישט בכח מוחל צו זיין.

נאך א זאך האט מיר מיין טאטע דערציילט, אז ער איז געווען ביי די לויה פון זיין ערשטע רעבעצין, זי איז געווען די טאכטער פונעם **לבושי מרדכי**. האט ער געזאגט ביי די לויה, אז די האלבע תורה באלאנגט סיי ווי סיי פאר איר, און איך געב איר אוועק מיין אנדערע האלב אויך.

**רבינו:** מיין מאמע ע"ה איז געווען א טאכטער פונעם מאקאווא'ער דיין, עס איז דא פון אים די ספרים **אהבת חיים** על התורה ומועדים, און אויפן **ספר חרדים**. און זי האט מיר פארציילט, אז ווען דער זיידע איז אוועק, איז געבליבען די רעבעצין, די מאמע'ס מאמע. און ביי די לויה איז זי צוגעגאנגען צום ארון, און זי האט אים געזאגט, דו האסט מיר אלץ געזאגט, אז די האלבע תורה וואס דו האסט געלערנט וועט זיין מיין זכות, איך געב דיר צוריק מיין האלבע תורה. איך בלייב נאך לעבן, איך וועל נאך קענען עפעס אויפטון, אבער דו האסט שוין גע'ענדיגט, זאלסטו האבן אלעס בשלימות. - אמאליגע יודען, יעדער האט אוועקגעגעבן וואס ער האט געקענט אוועקגעבן.

*

***<u>שבת קודש פרשת בהר</u>***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הר"ר **פנחס אלימלך ראאב** הי"ו (בן הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו). אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית נתכבד הר"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו בברכת המזון.

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **דוד שאלאמאן** הי"ו שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **שמואל ברוך שאלאמאן** ע"ה.